בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת מקץ
ל כסלו
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 11
(63)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶועןן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א: אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אַז עֶס הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט דֶער בֶּן מֶלֶךְ מִיטְ'ן בֶּן שִׁפְחָה. דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט מֶען פַארְטְרִיבְּן, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, "פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעטוּן מִיט מִיר אַזַא זַאךְ, מִמָּה נַפְשָׁךְ, בִּין אִיךְ דֶער בֶּן מֶלֶךְ - פַארְוָואס בִּין אִיךְ פַארְטְרִיבְּן, אִיךְ דַארְף דָאךְ זַיין יֶעצְט אִין פַּאלַאץ, אִיךְ דַארְף יֶעצְט זַיין קֶענִיג; בִּין אִיךְ נִישְׁט דֶער בֶּן מֶלֶךְ - דַארְף אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּב", אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר בְּרוֹגֶז, הָאבְּנְדִיג קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן דָאס הָאט אִים נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרִינְקֶען אוּן גֵיין צוּ שְׁמוּץ פְּלֶעצֶער וְכוּ' וְכוּ'.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אַמָאל הָאט מֶען אִים גִיזָאגְט אִין חָלוֹם. אַז דוּ ווִילְסְט אוֹיף דִיר רַחְמָנוֹת הָאבְּין זָאלְסְטוּ אַזוֹי טָאן (דְהַיְינוּ עֶר זָאל גֵיין אוֹיף דֶעם יְרִיד וְכוּ' כַּנַּ"ל).

וִוי מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט פָארִיגֶע וָואךְ אִין דִי מַעֲשֶׂה אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז עֶס אִיז דָא פַאר אִים אַ וֶועג אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר זָאל גֵיין צוּם יְרִיד וָואס גֵייט פָארְקוּמֶען אִין יֶענֶעם פְּלַאץ, אִין יֶענֶעם טָאג, אוּן וָואס עֶס וֶועט זִיךְ אִים צוּם עֶרְשְׁט טְרֶעפְן צוּ פַארְדִינֶען - זָאל עֶר אָנְנֶעמֶען.

הָאט עֶר שׁוֹין גִימוּזְט מְקַיֵים זַיין דֶעם חָלוֹם. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אַוֶועק גִיגִיבְּן דָאס אִיבְּרִיקֶע גֶעלְט וָואס עֶר הָאט נָאךְ גִיהַאט הָאט עֶר עֶס אַוֶועק גִיגִיבְּן אוֹיף דֶער אַרְבִּירִיק וִוי עֶר אִיז גִישְׁטַאנֶען אוּן דִי גוּטֶע קְלֵיידֶער וָואס עֶר הָאט גִיהַאט. הָאט עֶר אוֹיךְ גִילָאזְט אוֹיף דֶער סְטַאנְצְיָא. אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִינוּמֶען אַ פְּרָאסְטֶע מַלְבּוּשׁ וִוי סוֹחֲרִים דְהַיְינוּ אֵיין אַ פִּינְטְשֶׁע אוּן אִיז גִיפָארִין אוֹיף דֶעם יְרִיד. אוּן אִיז אַהִין גִיקוּמֶען.

אוּן עֶר אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען גַאנְץ פְרִיא אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יְרִיד.

## נִישְׁט בְּלַייבְּן אִין זַיין צָרָה

דָאס אִיז אַ וִויכְטִיגֶער לִימוּד פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ נִיצְן אִינֶעם לֶעבְּן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט פְּרָאבְּלֶעמֶען זָאל עֶר נִישְׁט בְּלַייבְּן אִין זַיין צָרָה נָאר וַוייטֶער גֵיין, עֶר מוּז פְּרוּבִּירְן זִיךְ אַרוֹיס צוּ זֶען פוּן זַיין צָרָה. וִוי דֶער רֶבִּי טַייטְשׁ דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת יד, טו): "**וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה, מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ**", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: "פַארְוָואס שְׁרֵייסְטוּ צוּ מִיר? רֶעד צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ צִיעֶן!" וֶוען מֶען לֶערְנְט דֶעם פָּסוּק אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין; וָואס הֵייסְט "**פַארְוָואס שְׁרֵייסְטוּ צוּ מִיר?**" - וָואס דֶען זָאל אִיךְ טוּן? אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה דַארְף עֶר דָאךְ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דֶען זָאל עֶר טוּן וֶוען עֶר אִיז אִין אַ צָרָה? נָאךְ אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וָואס הֵייסְט "**זֵיי זָאלְן זִיךְ צִיעֶן**" - וואוּ זָאל אִיךְ זִיךְ צִיעֶן? דָאס אִיז דָאךְ מַיין פְּרָאבְּלֶעם, אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, פוּן אֵיין זַייט אִיז דָאךְ דֶער יַם אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁטֵייעֶן דִי מִצְרִיִּים אוּן שִׁיסְן פַייְלְן?

## שְׁרֵייעֶן וֶועט זִיכֶער גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן

נָאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קצח): "**כְּשֶׁאֶחָד צוֹעֵק לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אוֹמְרִים לוֹ לִסַּע, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שְׁמוֹת יד, טו): **מַה תִּצְעַק אֵלָי, דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ**", דָאס הֵייסְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אוֹיבּ עֶר אִיז זִיךְ מְיַיאֵשׁ, עֶר מַאכְט אָפּ אַז עֶר אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, עֶר זִינְגְט צוּ זִיךְ "**אִיךְ בִּין אִין אַ צָרָה**", "**אִיךְ בִּין אִין אַ צָרָה**"; דֶער מֶענְטְשׁ מוּז אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן פוּן זַיין צָרָה, עֶר מוּז פְּרוּבִּירְן אָנְהֵייבְּן צוּ גֵיין, "אָבֶּער אִיךְ קֶען דָאךְ נִישְׁט גֵיין" - עֶס אִיז זִיכֶער יָא דָא אַ וֶועג צוּ גֵיין, אַז דוּ וֶועסְט שְׁטֵיין אוּן שְׁרֵייעֶן וֶועט זִיכֶער גָארְנִישְׁט וֶוערְן.

## וָואס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם פוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

אֵיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דָאךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף אוֹיף אוּנְזֶער פָּשׁוּטְ'עֶ שְׁפְּרַאךְ, אוֹיבּ אַזוֹי וָואס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם פוּן שְׁטֵיין אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? נָאר מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט דֶערְפוּן; וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם נִישְׁט גֶעוָואלְט דֶער רֶבִּי זָאל אָנְקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, [אַזוֹי וִוי אַלֶע צַדִיקִים גֶעהַאט גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז שִׁיעוּר דֶערְ'הַרְגְ'עֶט גֶעוָוארְן אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער רֶבִּי אִיז לְמַעֲשֶׂה יָא אָנְגֶעקוּמֶען], אִינְמִיטְן וֶועג הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גֶעפֶערְלִיכֶע שְׁטוּרֶעם ווִינְט אוֹיפְ'ן יַם, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן אוֹיפְ'ן שִׁיף הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶעגְרֵייט אוֹיפְ'ן טוֹיט, קֵיינֶער הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז זֵיי וֶועלְן דָאס קֶענֶען אִיבֶּערְלֶעבְּן, יֶעדֶער הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזִיצְן שְׁטִיל דִי גַאנְצֶע צַייט, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן פְרֶעגְן פַארְוָואס עֶר שְׁוַוייגְט אִין אַזַא גְרוֹיסֶע עֵת צָרָה, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט.

## דִי שִׁיף דְרֵייְדְט זִיךְ אִיבֶּער נָאר וֶועגְן אַייךְ

עֶס אִיז אָבֶּער דָארְט גֶעוֶוען דִי וַוייבּ פוּנֶעם רָב פוּן חַאטִין, וָואס זִי אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעלֶערְנְטֶע פְרוֹי, אוּן זִי הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן, זִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "אִיר זִיצְט דָא אַזוֹי שְׁטִיל אִין דִי צַייט וָואס דִי שִׁיף דְרֵייְדְט זִיךְ אִיבֶּער, וָואס אִיז מִיט אַייךְ?!" אוּן זִי הָאט גֶעשָׁאלְטְן דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי אִיר גֶעזָאגְט: "**קֶען זַיין דִי שִׁיף דְרֵייְדְט זִיךְ אִיבֶּער נָאר וֶועגְן אַייךְ, וָואלְט אִיר נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן וָואלְט זִיךְ דֶער שְׁטוּרֶעם אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט**" (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סֵדֶר הַנְּסִיעָה שֶׁלּוֹ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן יד).

דָאס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וָואס גֵייט דָא פָאר, דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ דֶער וָואס זָאגְט אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן, מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָא זָאגְט דֶער רֶבִּי פַאר יֶענֶע פְרוֹי אַז וֶועגְן אִיר גֶעשְׁרֵיי אִיז דָא דֶער שְׁטוּרֶעם? נָאךְ מֶער אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז מֶען זֶעט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, שָׁם, סִימָן כא) וִוי אַ שְׁטִיק צַייט שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נָאכְאַמָאל גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן שִׁיף, דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי יָא גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער שְׁטוּרֶעם זָאל זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן דִי שִׁיף זָאל זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער דְרֵייעֶן.

## פַּאַרְלוֹירְנְקֵייט מַאכְט נָאר עֶרְגֶער

נָאר עֶס אִיז דָא צְוֵויי זַאכְן, עֶס אִיז דָא בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף דִי שִׁיף זָאל זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער דְרֵייעֶן"** - דָאס הָאט דֶער רֶבִּי יָא גֶעטוּן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אוּנְז מִיר זָאלְן דָאס אוֹיךְ טוּן וֶוען מִיר זֶענֶען אִין אַ צָרָה, נָאכְדֶעם אִיז דָא וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַּארְלוֹירְן, עֶר שְׁרֵייט צוּלִיב זַיין פַּארְלוֹירְנְקֵייט, דָאס אִיז נִישְׁט גוּט, אַ גֶעשְׁרֵיי פוּן פַּארְלוֹירְנְקֵייט מַאכְט נָאר עֶרְגֶער.

## עֶטְץ מוּזְט אָנְהֵייבְּן גֵיין

וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: "פַּארְוָואס שְׁרֵייסְטוּ צוּ מִיר? רֶעד צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ צִיעֶן!" עֶטְס שְׁרֵייטְס פוּן פַּארְלוֹירְנְקֵייט, עֶטְץ מוּזְט אָנְהֵייבְּן גֵיין. אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיפְ'ן שִׁיף פָארְנְדִיג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הָאט גֶעשְׁרִיגְן פוּן פַּארְלוֹירְנְקֵייט, דָאס הָאט גֶעאַרְט פַּארְ'ן רֶבִּי'ן.

## דִי עֵצָה אִיז נִישְׁט צוּ זִיצְן אוּן שְׁרֵייעֶן

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּרָאבְּלֶעם פוּנֶעם בֶּן מֶלֶךְ, עֶר אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע צָרָה, מֶען הָאט אִים גֶענוּמֶען אַלְס קִינְד אוּן פַּארְטוֹישְׁט, מֶען הָאט אִים גֶעטוּן אַלֶע מִינֵי רִשְׁעוּת אוּן יֶעצְט דַארְף עֶר זִיךְ וַואלְגֶערְן אִין דִי גַאסְן, אָבֶּער דִי עֵצָה פַאר אִים אִיז נִישְׁט צוּ זִיצְן אוּן שְׁרֵייעֶן: **"מֶען הָאט מִיךְ פַּארְטוֹישְׁט"**, **"מֶען הָאט מִיךְ גֶע'רוֹדְפְ'ט"**, **"מֶען הָאט מִיךְ גֶע'הַרְגְ'עֶט מַיין לֶעבְּן"**, נָאר דִי עֵצָה אִיז עֶר זָאל טוּן עֶפֶּעס, גֵיי צוּ אַ יְרִיד, טוּ עֶפֶּעס, פוּן שְׁטֵיין אוּן שְׁרֵייעֶן וֶועסְטוּ גָארְנִישְׁט הָאבְּן.

## שְׁרֵייעֶן אוּן פַּארְפִירְן אִיז נִישְׁט תְּפִלָּה

יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זִיךְ טְרֶעפְן אִין דִי מַעֲשֶׂה, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין שְׁוֶוערֶע פַּארְגַאנְגֶענְהֵייט וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אַז שְׁרֵייעֶן אוּן פַּארְפִירְן אִיז נִישְׁט תְּפִלָּה, דָאס אִיז סְתָּם שְׁרֵייעֶן צוּלִיב פַּארְלוֹירְנְקֵייט, הֵייבּ אָן עֶפֶּעס טוּן, פָאר צוּם יְרִיד, גֵיי קוֹיף אֵיין סְחוֹרָה; דֶערְפַאר אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי גֵיין צוּם יְרִיד.

הָאט אִים בַּאגֶעגִינְט אַ סוֹחֵר אוּן הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. ווִילְסְטוּ עֶפֶּעס פַארְדִינֶען הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט יוֹא. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט אִיךְ בַּאדַארְף דָא צוּ טְרַייבִּין בְּהֵמוֹת. וֶועסְטוּ זִיךְ פַארְדִינֶען בַּיי מִיר. אוּן עֶר הָאט נִיט צַייט גִיהַאט זִיךְ מְיַישֵׁב צוּ זַיין מַחְמַת דֶעם חָלוֹם הַנַּ"ל (וָוארְן דֶער חָלוֹם אִיז זִיךְ גִיוֶוען אַז דָאס עֶרְשְׁטֶע פַארְדִינְסְט מוּז עֶר אָנֶעמֶען וְכוּ' כַּנַּ"ל) הָאט עֶר תֵּיכֶּף גִיעֶנְפֶערְט. יוֹא. אוּן דֶער סוֹחֵר הָאט אִים תֵּיכֶּף גִידוּנְגֶען. אוּן הָאט תֵּיכֶּף אָנְגִיהוֹיבִּין אוֹיף אִים צוּ שַׁאפִין אַזוֹי וִוי אֵיין הַאר אוֹיף זַיינֶע מְשָׁרְתִים. אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגִיהוֹיבִּן אַרוּם צוּ קוּקִין וָואס עֶר הָאט דָא גִיטָאן. וָוארִין צוּ אִים קוּמְט בְּוַדַּאי נִיט אַזוֹי אֵיין דִינְסְט. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אֵיין אֵיידְלֶער מֶענְטְשׁ. אוּן הַיינְט וֶועט עֶר מוּזִין טְרַייבִּין בְּהֵמוֹת. אוּן עֶר וֶועט מוּזִין גֵיין צוּפוּס בַּיי דִי בְּהֵמוֹת.

דָאס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער, קוֹדֶם כֹּל וַוייל עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ בֶּן מֶלֶךְ, הָאט עֶר גֶעהַאט אַן אֵיידֶעלֶער נַאטוּר, אוּן אוֹיךְ וַוייל עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין דְזְשַׁאבּ, עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט, עֶר פְלֶעגְט שִׁיכּוֹרְ'ן אוּן גֵיין צוּ שְׁמוּץ פְּלֶעצֶער, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ דְזְשַׁאבּ דַארְף אוֹיפְשְׁטֵיין, אַז עֶר קוּמְט שְׁפֶּעט פְרֶעגְט מֶען שׁוֹין "וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען?" דֶערְפַאר אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס זִיךְ אַרָאפְּבִּינְדְן צוּ אַ דְזְשַׁאבּ.

נָאר מֶע קָאן שׁוֹין קֵיין חֲרָטָה נִיט הָאבִּין. אוּן דֶער סוֹחֵר שַׁאפְט אוֹיף אִים. אַזוֹי וִוי אֵיין הַאר. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט דֶעם סוֹחֵר. וִוי וֶועל אִיךְ אַלֵיין גֵיין מִיט דִי בְּהֵמוֹת. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. אִיךְ הָאבּ נָאךְ הַאדַאיְיעֶס וָואס זֵיי טְרַייבִּין מַיינֶע בְּהֵמוֹת. וֶועסְטוּ מִיט זֵיי אִין אֵיינֶעם גֵיין. אוּן עֶר הָאט אִים אָפּ גִיגִיבְּן צוּ דֶער הַאנְט עֶטְלִיכֶע בְּהֵמוֹת וָואס עֶר זָאל זֵיי טְרַייבִּין. הָאט עֶר דִי בְּהֵמוֹת גִיפִירְט אוֹיס דֶער שְׁטָאט אַרוֹיס אוּן דָארְט זֶענֶען זִיךְ צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען דִי אִיבְּרִיקֶע הַאדַייעֶס וָואס זֵיי טְרַייבְּן בְּהֵמוֹת. זֶענֶען זֵיי אִין אֵיינֶעם גִיגַאנְגֶען. אוּן עֶר הָאט גִיטְרִיבְּן דִי בְּהֵמוֹת. אוּן דֶער סוֹחֵר הָאט גִירִיטְן אוֹיף אֵיין פֶערְד. אוּן אִיז בַּיי זֵיי גִיגַאנְגֶען. אוּן דֶער סוֹחֵר הָאט גִירִיטְן מִיט אַכְזָרִיּוּת (דְהַיְינוּ מִיט כַּעַס אוּן אוּם דֶערְבַּארִימְקֵייט) אוּן אַקֶעגִין אִים אִיז עֶר גִיוֶוען מִיט מֶער אַכְזָרִיּוּת. אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוּן זֵייעֶר גִישְׁרָאקִין פַאר דֶעם סוֹחֵר. מַחְמַת עֶר הָאט אִים גִיזֶעהְן אַז עֶר הָאט זֵייעֶר גְרוֹיס אַכְזָרִיּוּת אוּן כַּעַס אַקֶעגִין אִים. אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גִיהַאט. טָאמֶער טוּט עֶר אִים אֵיין זֶעץ מִיט דֶעם שְׁטֶעקִין וֶועט עֶר תֵּיכֶּף שְׁטַארְבְּן (וָוארְן דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אֵיין אֵיידְלֶער מֶענְטְשׁ אוּן מַחְמַת זַיין אֵיידִילְקֵייט הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁרָאקִין אוּן סֶע הָאט זִיךְ אִים אַזוֹי גִידַאכְט) אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען מִיט דִי בְּהֵמוֹת אוּן דֶער סוֹחֵר בַּיי זֵיי. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין אָרְט. הָאט מֶען גִינוּמֶען דֶעם זַאק וָואס דָארְט לִיגְט דָאס בְּרוֹיט פוּן דִי הַאדַאיְיעֶס אוּן מֶע הָאט זֵיי גִיגִיבְּן עֶסִין. אוּן אִים הָאט מֶען אוֹיךְ גִיגִיבְּן פוּן דֶעם בְּרוֹיט. אוּן עֶר הָאט גִיגֶעסִין.

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען פַאר זֵייעֶר אֵיין גִידֶעכְטִין וַואלְד. זֶענֶען פַארְגַאנְגֶען צְוֵויי בְּהֵמוֹת פוּן זַיינֶע בְּהֵמוֹת אִין וַואלְד אַרַיין. הָאט אוֹיף אִים דֶער סוֹחֵר אַ גִישְׁרֵיי גִיטָאן. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת עֶר זָאל זֵיי חַאפִּין. אוּן דִי בְּהֵמוֹת זֶענֶען וַוייטֶער אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין. אוּן עֶר הָאט זֵיי נָאךְ גִיאָגְט אוּן מַחְמַת דֶער וַואלְד אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר גִידֶעכְט. אִיז תֵּיכֶּף וִוי עֶר אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין וַואלְד אַרַיין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ שׁוֹין נִיט גִיזֶעהְן אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע. אוּן עֶר אִיז תֵּיכֶּף נֶעלָם גִיוָוארְן (דְהַיְינוּ פַארְהוֹילִין גִיוָוארִין) פוּן זֵייעֶרֶע אוֹיגִין (דְהַיְינוּ פוּן דִי אִיבְּרִיקֶע וָואס זֵיי זֶענֶען מִיט אִים גִיגַאנְגֶען) אוּן עֶר (דְהַיְינוּ דֶער בֶּן מֶלֶךְ) וָואס בַּיי אִים זֶענֶען עֶס פַארְגַאנְגֶען דִי צְוֵויי בְּהֵמוֹת אִיז אַלְץ גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט נָאךְ גִיאָגְט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת. אוּן זֵיי אַנְטְלוֹיפְן אַלְץ. אוּן עֶר הָאט זֵיי אַסַאךְ נָאךְ גִיאָגְט. בִּיז עֶר אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען אִין גִידֶעכְטִין וַואלְד אַרַיין הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. סַיי וִוי סַיי. וֶועל אִיךְ שׁוֹין שְׁטַארְבִּין וָוארִין אַז אִיךְ וֶועל מִיךְ אוּמְקֶערִין אָן דִי בְּהֵמוֹת. וֶועל אִיךְ שְׁטַארְבִּין דוּרְךְ דֶעם סוֹחֵר. וָוארִין מַחְמַת גְרוֹיס פַּחַד וָואס עֶר הָאט גִיהַאט פַאר דֶעם סוֹחֵר. הָאט זִיךְ אִים גִידַאכְט. אַז דֶער סוֹחֵר וֶועט אִים הַרְגֶענֶען. אַז עֶר וֶועט זִיךְ אוּמְקֶערִין. אָן דִי בְּהֵמוֹת. אוּן אַז אִיךְ וֶועל דָא זַיין. וֶועל אִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְבִּין דוּרְךְ דִי חַיּוֹת פוּן דֶעם וַואלְד. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. וָואס זָאל אִיךְ מִיךְ אוּמְקֶערִין צוּם סוֹחֵר. וִוי קָאן אִיךְ צוּ אִים קוּמֶען אָן דִי בְּהֵמוֹת. וָוארִין עֶר הָאט גִיהַאט גְרוֹיס פַּחַד פַאר אִים. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט וַוייטֶער נָאךְ גִיאָגְט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת אוּן זֵיי אַנְטְלוֹיפִין אַלְץ. דֶערְוַוייל אִיז נַאכְט גִיוָוארִין אוּן אַזוֹינְס הָאט עֶר נָאךְ נִיט גִיהַאט אַז עֶר זָאל מוּזִין נֶעכְטִיגְן אַלֵיין בַּיינַאכְט אִין אַזוֹי אֵיין גִידִיכְטְן וַואלְד. אוּן עֶר הָאט גִיהֶערְט דָאס בְּרוּמֶען פוּן דִי חַיּוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין גִיבְּרוּמְט אַזוֹי וִוי זֵייעֶר סֵדֶר אִיז. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. אוּן אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף אַ בּוֹים אוּן הָאט דָארְט גִינֶעכְטִיגְט.

## קְרִיךְ אַרוֹיף אוֹיף אַ בּוֹים

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט עֶר אִיז שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט, עֶר הֶערְט שׁוֹין דִי בְּרוּמֶען פוּן דִי חַיּוֹת, מֶען גֵייט אִים הַרְגְ'עֶנֶען, עֶר גֵייט אַרַיין אִין שְׁרֶעק, אִיז דָא פַאר אִים אֵיין עֵצָה "קְרִיךְ אַרוֹיף אוֹיף אַ בּוֹים". מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט (נַהֲרֵי אֲפַּרְסְמוֹן) דֶער בּוֹים דָאס אִיז דֶער צַדִּיק, וִוי עֶס שְׁטֵייט (תִּיקּוּנֵי זֹהַר, תִּיקּוּן ו): 'עֵץ דָא צַדִּיק'; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט עֶס אִיז שׁוֹין כָּלוּ כָּל הַקִּצִּין, עֶס אִיז אִים אַזוֹי בִּיטֶער - דַאן גֵייט עֶר צוּם צַדִּיק, דַאן נֶעמְט עֶר דִי עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִּיק וָואס הֶעלְפְט אִים אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

## טוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, נָאר מֶען דַארְף טוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בֶּער אוֹדֶעסְר זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין טְבֶרְיָה אוּן מֶען הָאט אִים דָארְט זֵייעֶר גֶע'רוֹדְפְ'ט, דֶערְפַאר אִיז עֶר אַלְץ גֶעוֶוען צֶעבְּרָאכְן; זַייעֶנְדִיג אַ תַּלְמִיד פוּן **רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה**, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, הָאט עֶר גֶעוַויינְט צוּ זַיין רֶבִּי אַז עֶר אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, הָאט אִים רֶבִּי יִשְׂרָאֵל גֶעזָאגְט: **"דוּ וֵוייסְט וָואס אִיז דֶער חִילוּק צְווִישְׁן מִיר אוּן דִיר? בֵּיידֶע וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, נָאר דוּ וֵוייסְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶּער דוּ נוּצְט עֶס נִישְׁט, אוּן אִיךְ וֵוייס דִי עֵצוֹת אוּן אִיךְ נוּץ עֶס".**

## עֶר אִיז אַלְץ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ

אִין סֵפֶר יִשְׂרָאֵל סַבָּא [וָואס רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בֶּער הָאט גֶעשְׁרִיבְּן] זֶעט מֶען וָואס רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער אִיז אַלְץ דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אִין זַיין לֶעבְּן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ נִישְׁט גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ וְכוּ', אָבֶּער עֶר אִיז אַלְץ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער, מִיר בֵּיידֶע וֵוייסְן פוּן אַלֶע עֵצוֹת, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי עֵצָה פוּן שִׂמְחָה, דִי עֵצָה פוּן זוּכְן גוּטְס אִין זִיךְ, נָאר דוּ נוּצְט עֶס נִישְׁט.

## דִי גְרֶעסְטֶע טֶערֶעפִּי

וֶוען אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער מֶענְטְשׁ גֵייט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אַ טֶערֶעפִּיסְט, וֶועלְן אִים דִי גְרֶעסְטֶע פְּסִיכָאלָאגְן אִים נִישְׁט וִויסְן צוּ זָאגְן דִי פָּשׁוּט'סְטֶע עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע טֶערֶעפִּי, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זוּכְן אִין זִיךְ גוּטֶע זַאכְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב), אוּן דָאס מֵיינְט נִישְׁט נָאר מֶען זָאל סְתָּם זוּכְן, נָאר מֶען דַארְף טְרַאכְטְן דֶערְפוּן, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, אוּן עֶס זָאגְן פַאר זִיךְ אַלֵיינְס - דַאן וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע וֵוייטָאגְן.

## אִין דִי שְׁלֶעכְטֶע טֶעג זָאלְסְטוּ קוּקְן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לג, אוֹת ג), יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט גוּטֶע טֶעג אוּן שְׁוֶוערֶע טֶעג, וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ קֶענֶען אַרִיבֶּער גֵיין בְּשָׁלוֹם דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג? מִיט דִי עֵצָה וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ז, יד): **"בְּיוֹם טוֹבָה, הֱיֵה בְטוֹב"**, אִין אַ טָאג וָואס עֶס גֵייט דִיר גוּט, זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנוּצְן מִיט דִי גוּטְס, **"וּבְיוֹם רָעָה רְאֵה"**, אִין דִי שְׁלֶעכְטֶע טֶעג זָאלְסְטוּ קוּקְן,

דָאס הֵייסְט, מֶען דַארְף גוּט אַרַיין קוּקְן אִין דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט מֶען זִיכֶער טְרֶעפְן גוּטְס; אַז מֶען קוּקְט גוּט אַרַיין אִינֶעם שְׁוֶועריקַייט זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מָלֵא רַחֲמִים אוּן עֶס אִיז אַלֶעס מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים; זוּךְ אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן, זוּךְ אוֹיף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי צָרָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ צָרָה, דַארְף אִיךְ טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי צָרָה,

## אַ גְרוּבּ אִין רְשׁוּת הָרַבִּים

אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט דַארְף מֶען גָאר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן דֶערוֹיף, אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ. מוֹהֲרַא"שׁ בְּרֶענְגְט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּשֵׁם **רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה:** אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין רֶעכְט אַרוּמְצוּגֵיין מִיט אַ נִישְׁט פְרֵיילִיכְן פָּנִים, וַוייל עֶס אִיז דָא אַן הֲלָכָה (בָּבָא קַמָּא נ:) מֶען טָאר נִישְׁט גְרָאבְּן אַ גְרוּבּ אִין רְשׁוּת הָרַבִּים, אוּן דֶער פָּנִים פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ רְשׁוּת הָרַבִּים וַוייל מֶען גֵייט דָאךְ אַרוּם צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, אוּן אוֹיבּ מֶען גֵייט אַרוּם מִיט אַ צֶעבְּרָאכְנְקֵייט בְּרֶענְגְט דָאס אַרַיין אַ צֶעבְּרָאכְנְקֵייט אִין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וַוייל וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ - וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ, אוּן וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַ מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגֶער מֶענְטְשׁ - וֶוערְט מֶען מָרָה שְׁחוֹרָה.

## דִי גַאנְצֶע בִּנְיָן אַיינְגֶעהִילְט אִין שְׁרֶעק

אַז מֶען קוּמְט אַהֵיים צֶעבְּרָאכְן, וַוארְפְט מֶען אַרַיין דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אִין צֶעבְּרָאכְנְקֵייט. אֲפִילוּ דִי שְׁכֵנִים וַוארְפְט עֶר אַרָאפּ דוּרְךְ זַיין צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, וִוי מֶען זֶעט אַמָאל אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אוֹיף מִיט אַ דִמְיוֹן אַז דִי וֶועלְט גֵייט אוּנְטֶערְגֵיין, עֶר זָאגְט עֶס פַאר אַ שָׁכֵן אוּן דֶער שָׁכֵן פַאר דִי אַנְדֶערֶער שָׁכֵן, בִּיז דִי גַאנְצֶע בִּנְיָן גֵייט שׁוֹין אַרוּם אַיינְגֶעהִילְט אִין שְׁרֶעק.

## גְרָאבְּן אַ הֵייל בִּיז צוּם הַייוֶועי

אֵיינֶע פוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל הָאבְּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן אִים גֶעזָאגְט: "גְרָאבּ אַ הֵייל פוּן דַיין הוֹיז בִּיז צוּם הַייוֶועי, אוֹיבּ מֶען וֶועט דַארְפְן אַנְטְלוֹיפְן זָאלְסְטוּ קֶענֶען אַנְטְלוֹיפְן"... דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען קְלוּגֶע מֶענְטְשְׁן, נָארְמַאלֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר עֶס אִיז אַרַיין אִין זֵיי אַ שְׁרֶעק אַז דִי וֶועלְט גֵייט וֶוערְן אוֹיס... זֵיי זָאגְן "אַזוֹי הָאט עֶס אוֹיסְגֶעקוּקְט פַארְ'ן קְרִיג", עֶר הֵייסְט זַיינֶע קִינְדֶער גְרָאבְּן הֵיילְן אוּנְטֶערְ'ן עֶרְד, אַז מֶען וֶועט שְׁרֵייעֶן "לוֹיף" זָאל מֶען הָאבְּן וואוּ צוּ לוֹיפְן... אֵיי, וואוּ קֶען מֶען לוֹיפְן אוֹיפְ'ן הַייוֶועי? וואוּ וֶועסְטוּ פָארְן? מִיט אַ שִׁיף?! אַזוֹי אִיז עֶס, אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן לֵייגְט יֶעדְן אַרַיין אִין זַיין לָאךְ.

## הֵייבּ אָן גֵיין

אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אוֹיפְ'ן בּוֹים, עֶר וֵוייסְט שׁוֹין פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דַארְף עֶר דָאס אוֹיךְ גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע, אַז מֶען טְרֶעפְט מֶענְטְשְׁן, זָאג זֵיי: עֶס וֶועט זַיין גוּט, זוּךְ אוֹיף גוּטֶע זַאכְן אִין דַיין לֶעבְּן, הָאסְט אַ צָרָה גֵיי בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֶער אוֹיף שְׁרֵייעֶן פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט; אַזַא גֶעשְׁרֵיי אִיז נִישְׁט פוּן אֱמוּנָה, הֵייבּ אָן טוּן, הֵייבּ אָן גֵיין, הֵייבּ אָן לֶעבְּן, טוּ וָואס דוּ קֶענְסְט יָא.

## אַשׁ אוּנְטֶער דִי פִּיס פוּן צַדִּיקִים

זוּכְן דָאס גוּטְס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי יְסוֹדוֹת אִין בְּרֶסְלֶב, דָאס אִיז דֶער תּוֹרָה פוּן "אֲזַמְּרָה" (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב), אַז אַ מֶענְטְשׁ מוּז גוּט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן אַ מֶענְטְשׁ מוּז גוּט קוּקְן אוֹיף זִיךְ; אוּן אוֹיבּ דוּ טְרֶעפְסְט נִישְׁט קַיין גוּטְס אִין זִיךְ - זָאלְסְטוּ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין "**בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ אִיד בִּין אִיךְ**". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצד) עֶר הָאט גֶעזֶען אַ צַדִּיק וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ אַז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מְחַזֵּק זַיין מִיט גָארְנִישְׁט, הָאט עֶר זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יז.) אַז דִי רְשָׁעִים גֵייעֶן פְלַאקֶערְן אִין גֵיהִנֹּם צְוֶועלְף חֳדָשִׁים, נָאכְדֶעם גֵייט קוּמֶען אַ וִוינְט אוּן צֶעבְּלָאזְן זֵייעֶר אַשׁ אַרַיין אִין גַן עֵדֶן אוּן עֶס וֶועט זַיין אַשׁ אוּנְטֶער דִי פִּיס פוּן צַדִּיקִים, הָאט זִיךְ דֶער צַדִּיק מְחַיֶּה גֶעוֶוען "**עַל כָּל פָּנִים 'נִישְׁט' וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין מִיט מִיר, אִיךְ וֶועל כָאטְשׁ זַיין אַשׁ אוּנְטֶער דִי פִּיס פוּן צַדִּיקִים**".

זֶעט מֶען דָא וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל אַזוֹי צֶעבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר נֶעמְט אַ צַדִּיק אוּן עֶר מַאכְט אִים טְרַאכְטְן וִוי עֶר אִיז שׁוֹין אַ רָשָׁע, עֶר אִיז שׁוֹין פוּן דִי רְשָׁעִים וָואס גֵייעֶן פְלַאקֶערְן צְוֶועלְף חֳדָשִׁים אִין גֵיהִנֹּם... אָבֶּער עֶס וֶועט קוּמֶען אַ וִוינְט אוּן אַרַיינְבְּלָאזְן זַיין אַשׁ אִין גַן עֵדֶן, מִיט דֶעם הָאט זִיךְ דֶער צַדִּיק מְחַיֶּה גֶעוֶוען, "נִישְׁט - וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין מִיט מִיר, אִיךְ וֶועל כָאטְשׁ זַיין אַשׁ אוּנְטֶער דִי פִּיס פוּן צַדִּיקִים", עֶר הָאט זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט אַ קְלֵיינֶע נְקוּדָה, דָאס וִויל דֶער רֶבִּי מִיר זָאלְן טוּן, זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט.

## לִימּוּד הַתּוֹרָה קֶען נִישְׁט וֶוערְן אוֹיס

דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ: "דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט, פוּן דִיר וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן, פוּן דִיר וֶועט גָארְנִישְׁט זַיין", אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן, "אִיךְ בִּין יָא, אִיךְ הִיט שַׁבָּת, אִיךְ גֵיי מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אִיךְ טוּ אָן תְּפִילִין, אִיךְ גֵיי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ", וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל, "אִיךְ לֶערְן אַבִּיסְל גְמָרָא, אִיךְ לֶערְן אַבִּיסְל מִשְׁנַיּוֹת", דָאס קֶען מֶען נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אַן עֲבֵירָה קֶען מֶען מַאכְן אוֹיס, אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה וֶועט דִי עֲבֵירָה אוֹיסְגֶעמֶעקְט, אָבֶּער לִימּוּד הַתּוֹרָה קֶען נִישְׁט וֶוערְן אוֹיס (סוֹטָה כא.), אַז דוּ הָאסְט עֶפֶּעס גֶעלֶערְנְט, הָאסְט גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ, הָאסְט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת, הָאסְט גֶעלֶערְנְט גְמָרָא, דָאס בְּלַייבְּט. אֲפִילוּ דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט 'לִשְׁמָהּ' - וֶועט מֶען דָאס דַארְפְן מְזַכֵּךְ זַיין, אָבֶּער דִי חוּמָשׁ בְּלַייבְּט, דִי מִשְׁנַיּוֹת בְּלַייבְּט, דִי גְמָרָא בְּלַייבְּט.

## קוּמְסְט אַהֵיים - גֶעבּ אַ שְׁמֵייכְל

אֵיינְמָאל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי זִיךְ פְרֵיילִיךְ, קוּמְט עֶר אוֹיטָאמַאטִישׁ אַהֵיים צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּבּ, מֶען דַארְף נָאר אַרְבֶּעטְן דֶערוֹיף, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן: קוּמְסְט אַהֵיים - גֶעבּ אַ שְׁמֵייכְל, קוּמְסְט אַהֵיים - גֶעבּ אַ גוּט וָוארְט, רֶעג זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַז דָאס אִיז נִישְׁט גְרֵייט, יֶענְץ אִיז נִישְׁט גְרֵייט, קוּם אַהֵיים גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער: "וָואס מַאכְסְטוּ?" "דוּ בִּיסְט פֵיין", "דוּ בִּיסְט וואוֹיל", דָאס זֶענֶען דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

## עֶס מוּז זַיין אַ וֶועג אַרוֹיס

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן: "**אַז אִיךְ בִּין אַרַיין אִין אַ צָרָה - מוּז זַיין אַ וֶועג אַרוֹיס**". דָאס אִיז פוּנְקְט אַזוֹי וִוי אַ קִינְד וָואס הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטֶעק אַרַיין זַיין הַאנְט אָדֶער קָאפּ צְוִוישְׁן אַ שְׁמָאלֶע צוֹים, צְוִוישְׁן צְוֵויי אַייזֶענֶעס, דָאס קִינְד הֵייבְּט אָן שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען, אוּן דִי מַאמֶע וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, זִי פַאלְט אַרַיין אִין אַ פַּאנִיק, זִי הֵייבְּט אָן צִיעֶן דָאס קִינְד, זִי רוּפְט הַצָּלָה... אָבֶּער אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט אַז דָאס בֶּהָלָה פַארְשְׁוֶוערְט דָאס אַרוֹיסְנֶעמֶען, דִי עֵצָה אִיז צוּ בַּארוּאִיגְן דָאס קִינְד אוּן שְׁטַייטְעֶרְהֵייט פְּרוּבִּירְן עֶס אַרוֹיסְצוּגְלִיטְשְׁן פוּן דָארְט, וַוייל אוֹיבּ הָאט עֶס גֶעקֶענְט דָארְט אַרַיינְגֵיין צְוִוישְׁן דִי צְוֵויי אַייזֶענֶעס דַארְף עֶס קֶענֶען צוּרִיק אַרוֹיסְגֵיין, אוֹיבּ הָאט זִיךְ דָאס דָארְט גֶעקֶענְט אַרַיינְגְלִיטְשְׁן דַארְף עֶס קֶענֶען זִיךְ צוּרִיק אַרוֹיסְגְלִיטְשְׁן.

## אַרַיין אִין אַ פְּלָאנְטֶער

אַזוֹי אִיז עֶס מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אַז דוּ בִּיסְט אַרַיין אִין אַ פְּלָאנְטֶער מוּז זַיין אַ וֶועג אַרוֹיס, וֵוייסְט פַארְוָואס דוּ טְרֶעפְסְט נִישְׁט דֶעם וֶועג אַרוֹיס? וַוייל דוּ בִּיסְט פַארְלוֹירְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְ'ן שִׁיף: פוּן שְׁרֵייעֶן 'דִי שִׁיף גֵייט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן!' - פוּן דֶעם טוּסְטוּ גָארְנִישְׁט אוֹיף, דוּ וַוארְפְסְט סְתָּם אַרַיין דֶעם עוֹלָם אִין אַ פַּאנִיק.

## פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ לָאזְן פַּיינִיגְן אִין מֹחַ?

אַז עֶס גֵייט דִיר אַזוֹיפִיל אִיבֶּער, דוּ בִּיסְט אַזוֹי פַארְפְּלָאגְט, דַאן קְרִיךְ אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בּוֹים, נֶעם דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ לָאזְן פַּיינִיגְן אִין מֹחַ? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת? גֵיי אִין אַ זַייט, זָאג אַרוֹיס דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַ פְּרֶעשׁוּר קוּקֶער (Pressure Cooker)

דֶער מֹחַ פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ "פְּרֶעשׁוּר קוּקֶער (Pressure Cooker)" טָאפּ; עֶס עֶנְטְהַאלְט גָאר אַ שְׁטַארְקֶע הִיץ, עֶס קָאכְט אוּן קָאכְט אוּן דִי גַאנְצֶע הִיץ בְּלַייבְּט אִינֶעוֵוייניג, אוֹיבּ מֶען לָאזְט דָאס צוּ שְׁטַארְק קָאכְן קֶען עֶס חַס וְשָׁלוֹם אוֹיפְפְּלַאצְן, עֶס קֶען וֶוערְן אַ בָּאמְבֶּע צוּלִיבּ דִי פִּילֶע הִיץ וָואס לִיגְט דָארְט, אַזוֹי אִיז דֶער מֹחַ פוּן אַ מֶענְטְשׁ. וִוי אַזוֹי גֶעשֶׁעט אַ נֶערְוְון בְּרָאךְ לֹא עָלֵינוּ? וֶוען דֶער מֹחַ אִיז פוּל מִיט וֵוייטָאג, עֶר פְּלָאגְט זִיךְ אִין זַיין מֹחַ מִיט יְסוּרִים וְכוּ', בִּיז דָאס רַייסְט זִיךְ אִיבֶּער, בַּאקוּמְט עֶר אַ נֶערְוְון בְּרָאךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַבִּיסְל עֶפֶּענֶען אַרוֹיס צוּ לָאזְן דָאס הִיץ פוּן זַיין מֹחַ, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ, עֶר זָאגְט: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶס גֵייט אוֹיף מִיר דוּרְךְ דָאס אוּן דָאס", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ פִּיל דָאס", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ פִּיל יֶענְץ", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן מַיין צַעַר",**

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ, אִיךְ בִּין אַרַיין אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ פִּיזִישֶׁע יְסוּרִים, אִיךְ הָאבּ גֵייסְטִישֶׁע יְסוּרִים, אִיךְ הָאבּ רוּחָנִיוּת'דִיגֶע יְסוּרִים, אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת"**, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאגְט דָאס וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער - דַאן וֶוערְט אִים גְרִינְגֶער אִין מֹחַ, דִי הִיץ אִיז שׁוֹין אַרוֹיס.

## מֶען פִּילְט זִיךְ גוּט

וָואס אִיז דִי זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ גֵייט רֶעדְן צוּ אֵיינֶעם? וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ, מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס דִי וֵוייטָאג וָואס לִיגְט אִין הַארְץ פִּילְט מֶען זִיךְ גוּט, דָאס אִיז דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, זָאג אַרוֹיס דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דִי עֵצוֹת פוּן צַדִיק

דָאס הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ גֶעטוּן זַייעֶנְדִיג אִין וַואלְד, שְׁפִּירְנְדִיג וִוי עֶר גֵייט שׁוֹין שְׁטַארְבְּן, עֶר הֶערְט שׁוֹין דִי חַיוֹת בְּרוּמֶען, עֶר זֶעט שׁוֹין דָאס טוֹיט פַאר דִי אוֹיגְן, אִיז עֶר אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בּוֹים, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי עֵצוֹת פוּן צַדִיק, פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אוּן עֶר הָאט גִיהֶערְט דָאס קוֹל פוּן דִי חַיוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גִישְׁרִיגְן אַזוֹי וִוי זֵייעֶר סֵדֶר אִיז.

אִין דֶער פְּרִיה הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן. הָאט עֶר גִיזֶעהְן. אַז דִי בְּהֵמוֹת שְׁטֵייעֶן נָאהֶנְט לֶעבִּין אִים. אִיז עֶר אַרָאפּ פוּן דֶעם בּוֹים. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען זֵיי הַאפִּין.

## עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט

אוֹיפְ'ן בּוֹים הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעהֶערְט דָאס קוֹל פוּן דִי חַיוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אַזוֹי וִוי זֵייעֶר סֵדֶר אִיז, אָבֶּער עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט, וַוייל אַז מֶען אִיז בַּיים צַדִיק אִיז אַלֶעס מְסוּדָר. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי דִי בְּהֵמוֹת שְׁטֵייעֶן נֶעבְּן אִים, אִיז עֶר אַרָאפּ פוּנֶעם בּוֹים; דָאס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה קְרִיכְט עֶר אַרוֹיף אוֹיף אַ בּוֹים, עֶר גֵייט צוּם צַדִיק, אָבֶּער אִינְדֶערְפְרִי וֶוען עֶס וֶוערְט אִים שׁוֹין אַבִּיסְל רוּאִיג, דַאן לָאזְט עֶר נָאךְ פוּן דִי עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִיק, עֶר גֵייט אַרָאפּ פוּן בּוֹים.

זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין אִיז עֶר זֵיי נָאךְ גִיגַאנְגֶען וַוייטֶער. אוּן זֵיי זֶענֶען וַוייטֶער אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין. אוּן דִי בְּהֵמוֹת הָאבִּין זִיךְ גִיפוּנֶען דָארְט עֶפֶּעס גְרָאז צוּ עֶסִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטֶעלְט פַּאסֶען. אִיז עֶר נָאךְ גִיגַאנְגֶען זֵיי הַאפִּין. זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַלְץ זֵיי נָאךְ גִיגַאנְגֶען אוּן זֵיי אַנְטְלוֹיפִין עֶר גֵייט זֵיי וַוייטֶער נָאךְ אוּן זֵיי אַנְטְלוֹיפִין. בִּיז עֶר אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען אִין זֵייעֶר גִידִיכְטְן וַואלְד אַרַיין. וָואס דָארְטִין אִיז שׁוֹין גִיוֶוען חַיוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין גָאר קֵיין מוֹרָא נִיט פַּאר קֵיין מֶענְטְשְׁן וָוארִין זֵיי זֶענֶען וַוייט פוּן דֶעם יִישׁוּב. אוּן סֶע ווידֶער גִיוָוארִין נַאכְט. אוּן עֶר הָאט גִיהֶערְט דָאס קוֹל וִוי דִי חַיוֹת בְּרוּמֶען. אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁרָאקִין. דֶערְוַוייל הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן וִוי סֶע דָארְט גִישְׁטַאנֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער בּוֹים. אִיז עֶר אַרוֹיף אוֹיף דֶעם בּוֹים.

## דָאס שְׁלֶעפְּט אִים אַרַיין אִין אַ טִיפֶערֶע פְּרָאבְּלֶעם

דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת וָואס דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה לוֹיפְט עֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לוֹיפְט צוּם צַדִיק וָואס זָאל אִים הֶעלְפְן מִיט זַיינֶע עֵצוֹת, אוּן וֶוען עֶס וֶוערְט אִים שׁוֹין לִיכְטִיג, זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען הֵייבְּן אָן נָאכְלָאזְן, דַאן טְרַאכְט עֶר שׁוֹין: "עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, אִיךְ דַארְף דָאךְ נִישְׁט יֶעצְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן", אוּן עֶר לָאזְט אָפּ דִי אַלֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וָואס דָאס שְׁלֶעפְּט אִים אַרַיין אִין אַ טִיפֶערֶע פְּרָאבְּלֶעם רַחֲמָנָא לִצְלָן.

## פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ פַארְכַאפְּן מֶענְטְשְׁן?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין פוּנֶעם בּוֹים, נָאר פַארְקֶערְט, מִיר זָאלְן אַרוֹיפְשְׁלֶעפְּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹים, מִיר זָאלְן מְקָרֵב זַיין נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן: "פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ פַארְכַאפְּן מֶענְטְשְׁן? פַארְוָואס בִּיסְטוּ נִישְׁט צוּפְרִידְן אַז דוּ בִּיסְט בְּרֶסְלֶב אוּן לָאז מִיךְ זַיין וואוּ אִיךְ בִּין? " דֶער תֵּירוּץ אִיז, אִיךְ וִויל דִיר אוֹיךְ גֶעבְּן דֶעם חַיִּים טוֹבִים וָואס אִיךְ הָאבּ, אִיךְ וִויל דִיר גֶעבְּן דוּ זָאלְסְט וִויסְן אַז דוּ קֶענְסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וִויל דִיר גֶעבְּן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, אִיךְ וִויל דִיר גֶעבְּן דֶעם שֵׂכֶל אַז דוּ קֶענְסְט לֶעבְּן מִיט דַיין וַוייבּ, אַזוֹי שֵׁיין אוּן אַזוֹי זִיס.

## אָהַ, עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ?...

וָואס פַארְכַאפְּן? וֶוען פַארְכַאפְּן? וואוּ פַארְכַאפְּן? עֶס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע מִצְוָה צוּ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מִצְוָה אַרוֹיף צוּ שְׁלֶעפְּן נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוֹיפְ'ן בּוֹים. דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם דָאנֶערְשְׁטָאג הָאבְּן צְוֵויי בָּחוּרִים אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ טִישׁ אוֹיפְ'ן גַאס צוּ מַאכְן הֲפָצָה, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעצִינְדְן נִיגוּנִים פוּן 'טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה' אוּן גֶעטֵיילְט גִלְיוֹנוֹת, קוּנְטְרֵסִים אוּן סִידוּרִ"ס, אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ מֶענְטְשׁ אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים: "אַ שָׁאד עֶטְץ גֵייטְס דָא אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג הֲפָצָה, עֶס וֶועט עֶנְק שָׁאטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ", הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "מִיר זֶענֶען שׁוֹין חֲתָנִים", הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט צִי דֶער עוֹלָם נֶעמְט דִי זַאכְן? הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט וִוי שֵׁיין דֶער עוֹלָם נֶעמְט, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים, זָאגְט עֶר: אָהַ, עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ? דֶעמָאלְט גֶעבּ מִיר אַהֶער פוּן דִי זַאכְן, מַיין וַוייבּ לֵיינְט עֶס"... וָואס וֶועסְטוּ דֶען הֶערְן אוֹיף דִי נִיגוּנִים? אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דָאס זִינְגְט עֶס אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וֶוען מֶען הֶערְט אַ נִיגוּן פוּן אֱמוּנָה - דָאס בַּארוּאִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, אַלֶעס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין.

## וֶועט סֵיי וִוי קוּמֶען צוּ מִיר

דֶער עִיקָר אִיז נִישְׁט אַרָאפְּצוּגֵיין פוּנֶעם בּוֹים, אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן אוֹיפְ'ן בּוֹים, אוּן אִיךְ וֶועל אַרוֹיפְשְׁלֶעפְּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן, אִינְדֶערְפְרִי וֶוען עֶס וֶועט שׁוֹין וֶוערְן בֶּעסֶער, וֶועל אִיךְ נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן דִי בְּהֵמוֹת; וָואס עֶס דַארְף קוּמֶען צוּ מִיר, וֶועט סֵיי וִוי קוּמֶען צוּ מִיר, אִיךְ אִיךְ דַארְף אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט גֵיין, אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אִיךְ לָאז נִישְׁט אָפּ דֶעם רֶבִּי'ן.

## אִיךְ זָאג דִיר צוּ דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ זָאג דִיר צוּ דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן, אֲפִילוּ דוּ פָארְסְט נִישְׁט קַיין אוּמַאן זָאג אִיךְ דִיר צוּ, אִיךְ וֶועל דִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וְכוּ'", מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'עֶן, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זָאגְן מִיר עֶפֶּעס צוּ אוּן אִיךְ דַארְף בַּאשְׁלִיסְן וֶועמֶען צוּ גְלֵייבְּן, עֶס אִיז נִישְׁט אַן הַבְטָחָה וָואס גֵייט גֶעשֶׁען אִין זִיבֶּעצִיג יָאר אַרוּם, אִיךְ שְׁפִּיר שׁוֹין וִוי דֶער רֶבִּי אִיז מִיר מְתַקֵן"; אִיךְ קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט מִיר, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר גוּט גֶעוָוארְן אִין לֶעבְּן, עֶס אִיז מִיר לִיכְטִיג גֶעוָוארְן אִין לֶעבְּן, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ וַוייטֶע וֶועג צוּ גֵיין - דָאךְ שְׁפִּיר אִיךְ שׁוֹין וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, אָפְּגֶערֶעדְט וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען קֶען זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּזַאמֶען מִיט דִי וַוייבּ, מִיר הָאט מֶען מַדְרִיךְ גֶעוֶוען אַז דִי וַוייבּ אִיז נָאר וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה... "גֶענוּג גֶעוֶוען, גֵיי שׁוֹין אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ..." אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען קֶען זַיין אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי וַוייבּ צוּזַאמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## רַייסְן שְׁטִיקֶער פוּן זִיךְ

מִיר הָאבְּן פְרִיעֶר גֶעלֶערְנְט אִין סֵפֶר פְּעוּלַת הַצַדִיק (סִימָן תתכג) וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "**בֶּאֱמֶת אֵין נִמְצָא שׁוּם תַּאֲוָה כְּלָל וְכוּ'**", עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין תַּאֲווֹת, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נָא): "וָואס אִיז שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן תַּאֲווֹת? עֶסְן דַארְף מֶען - מֶען זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁלָאפְן דַארְף מֶען - מֶען זָאל קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן דַארְף מֶען - צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן תַּאֲווֹת"; הָאבְּן מִיר גֶעשְׁמוּעֶסְט אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פוּן 'רַייסְן שְׁטִיקֶער פוּן זִיךְ', נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ וֶועג פוּן 'נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִיר'; אָדֶער זָאגְט מֶען אַז עֶסְן אִיז 'תַּאֲוַות אֲכִילָה', אָדֶער קֶען מֶען אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי פֵיינֶע קֶעיק", יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי פֵיינֶע טַעַם וָואס אִיךְ שְׁפִּיר", "אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר", מֶען מַאכְט אַ פָאר בְּרָכָה אוּן אַ נָאךְ בְּרָכָה.

## יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען עֶס טוּן

וָואס אִיז דֶער חִילוּק פוּן דִי צְוֵויי וֶועגְן? דִי עֶרְשְׁטֶע וֶועג אִיז גֶעוֶוען צַדִיקִים וָואס הָאבְּן עֶס גֶעקֶענְט טוּן, גֶעצֵיילְטֶע מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם דוֹר הָאבְּן גֶעקֶענְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן, ווִידֶער דִי אַנְדֶערֶע וֶועג אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע וֶועג, וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען עֶס טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.